**תלמוד תורה יטב לב דרבינו יואל מסאטמאר**

בהתייסדות כ"ק מרן רבינו הקוה"ט זיעועכי"א | בנשיאות כ"ק מרן רבינו הגה"ק שליט"א

**קרית יואל | בני ברק**


בס"ד

## אַ מַעֲשֶׂה צוּ לֵייְנֶען

# הַשָׁבַת אַבֵידָה

## רַבִּי חַנִינָא בֶּן דוֹסָא

# הַשָׁבַת אֲבֵידָה

אִין אַ הֵייסֶער זוּמֶערְדִיגֶע טָאג אִיז אַ מֶענְטְשׁ אַדוּרְךְ גֶעגַאנְגֶען לֶעבְּן דִי שְׁטוּבּ פוּן רַבִּי חַנִינָא בֶּן דוֹסָא, אִין זַיְינֶע הֶענְט הָאט עֶר גֶעהַאלְטְן צְוֵויי צוּגֶעבִּינְדֶענֶע הִינְדֶעלֶעךְ (קָאקָארִיקָא׳ס), אוּן עֶר הָאט זִיךְ גֶעזֶעצְט אָפְּרִיעֶן לֶעבְּן דִי שְׁטוּבּ, וֶוען עֶר הָאט זִיךְ אוֹיפְגֶעוֶועקְט אִיז עֶר וֵוייטֶער גֶעגַאנְגֶען פַארְגֶעסְנְדִיג דָארְט דִי הִינְדֶעלֶעךְ.

צוּלִיבּ דֶעם רַעַשׁ אוּן קְרֵייעֶן פוּן דִי הִינְדֶעלֶעךְ אִיז רַבִּי חַנִינָא בֶּן דוֹסָא אַרוֹיס אוּן הָאט גֶעזֶעהְן וִוי צְוֵויי הִינְדֶעלֶעךְ לִיגְן אוֹיף דִי עֶרְד אָן קֵיינֶער זָאל אַכְטוּנְג גֶעבְּן אוֹיף זֵיי, רַבִּי חַנִינָא הָאט גְלֵייךְ גֶעזֶעהְן אַז דִי הִינְדֶעלֶעךְ הָאבְּן אַ סִימָן אַ רוֹיטֶע בֶּענְדְל הָאט זֵיי אַרוּם גֶעבִּינְדְן עֶר אִיז בַּאלְד גֶעגַאנְגֶען מְקַיֵים זַיין דִי מִצְוָה פוּן הַשָׁבַת אֲבֵידָה, עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט דִי גַאס דוּרְכְגֵייעֶר׳ס אוּן קֵיין אֵיינֶער הָאט זִיךְ נִישְׁט אָנְגֶערוּפְן.

רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא הָאט בַּאשְׁלָאסְן זִיךְ אָפְּצוּגֶעבְּן מִיט דִי הִינְדֶעלֶעךְ אוּן זֵיי גֶעבְּן צוּ עֶסְן אוּן טְרִינְקֶען בִּיז דֶער בַּעַל הַבַּיִת וֶועט צוּרִיק קוּמֶען.

דִי צַייט אִיז אַדוּרְךְ, דִי הִינְדֶעלֶעךְ הָאבְּן גֶעלֵייגְט אֵייעֶר, אוּן פוּן דִי אֵייעֶר זֶענֶען אַרוֹיס קְלֵיינֶע הִינְדֶעלֶעךְ זֵיי הָאבְּן זִיךְ גֶעמֶערְט אוּן אָנְגֶעפִּילְט רַבִּי חֲנִינָא'ס חָצֵר, זֵיי הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ גְרוֹיסֶע טוּמְל אוּן זֵיי הָאבְּן גֶעשְׁטֶערְט פַאר דִי אֵיינְוואוֹינֶער'ס הָאט רַבִּי חֲנִינָא זֵיי פַארְקוֹיפְט אוּן מִיט דִי גֶעלְט הָאט עֶר גֶעקוֹיפְט צִיגְן.

יָארְן זֶענֶען אַרִיבֶּער, אוּן רַבִּי חֲנִינָא'ס חָצֵר אִיז אָנְגֶעפִּילְט גֶעוָוארְן מִיט צִיגְן.

אֵיין טָאג אִיז דֶער בַּעַל הָאֲבֵידָה אַדוּרְךְ אוּן הָאט דֶערְקֶענְט דָאס פְּלַאץ, אוּן עֶר רוּפְט זִיךְ אָן צוּ זַיין חָבֵר וָואס אִיז מִיטְגֶעגַאנְגֶען מִיט אִיהְם: "דוּ וֵוייסְט, מִיט אַסַאךְ יָארְן צוּרִיק בִּין אִיךְ דָא גֶעוֶוען אוּן כְ'הָאבּ דָא אִיבֶּער גֶעלָאזְט הִינְדֶעלֶעךְ, וֶוער וֵוייסְט וָואס אִיז גֶעוָוארְן מִיט זֵיי", רַבִּי חֲנִינָא הָאט עֶס גֶעהֶערְט הָאט עֶר אִיהְם

אַרײַן גֶערוּפְן צוּ זִיך אִין שְׁטוּבּ אוּן הָאט אִיהְם גֶעבֶּעטְן אַ סִימָן, דֶער מֶענְטְשׁ הָאט אִיהְם גֶעגֶעבְּן אַ גוּטֶע סִימָן אוּן אוֹיך דִי פַארְבּ פוּנֶעם בֶּענְדְל הָאט עֶר אִיהְם גֶעזָאגְט.

רַבִּי חֲנִינָא הָאט אִיהְם אַרײַנְגֶעפִירְט אִין חָצֵר אוּן הָאט אִיהְם גֶעוִויזְן דִי צִיגְן אוּן הָאט אִיהְם גֶעזָאגְט: "נֶעם דֵיינֶע הִינְדֶעלֶעך", דֶער מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט גֶעוואוּסְט וָואס טוּט זִיך דָא, עֶר הָאט פַארְלוֹירְן הִינְדֶעלֶעך אוּן נִישְׁט קֵיין צִיגְן... הָאט רַבִּי חֲנִינָא אִיהְם אַלֶעס דֶערְצֵיילְט.

דֶער מֶענְטְשׁ אִיז אַרוֹיס פוּן דִי שְׁטוּבּ פוּן רַבִּי חֲנִינָא בֶּן דוֹסָא פִירֶענְדִיג אַ סְטַאדֶע מִיט צִיגְן אוּן עֶר הֶערְט נִישְׁט אוֹיף צוּ לוֹיבְּן רַבִּי חֲנִינָא, אוּן רַבִּי חֲנִינָא הָאט אִיהְם נָאכְגֶעשְׁרִיגְן לוֹיבּ נִישְׁט מִיר מְ'דַארְף נָאר לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וָואס הָאט גֶעגֶעבְּן דִי מִצְוָה פוּן הַשָּׁבַת אֲבֵידָה.

(תַּעֲנִית דַף כה.)